בעזרת השם יתברך

גליון
# חדושת בית המדרש

בענין מורא מקדש ושתיקה יפה בשעת התפלה

יוצא לאור
מדי חודש
בכל שבת מברכים

גליון קכד

שבת מברכים
אדר
תשפ"ה

לעילוי נשמתו הטהורה של עמוד צלותהון
ובעותהון דישראל מופת הדור מרן קוה"ק
הרה"ק מטאהש
רבינו **משולם פייש**
בן רבי מרדכי סג"ל וצירל
זכותו יגן עלינו ועכ"י

# הונדערט פראצענט רייין!!

מוטלאז אינגאנצן איז ר' משה ארייגעפאלן אין סאפע ביי אים אין דיינונג רום, זיין מח איז געווען ווי פארפרוירן, דאס גאנצע קערפער פאראליזירט. די שאק האט אים גענצליך באנומען און ער האט נישט געקענט קומען צו זיך.

נאך א ווײַלע האט ער זיך ענדליך אריענטירט, אבער יעצט האט ער שוין געוואוסט וואס ער האט צו טוען

• • •

ווען ר' משה, א איד פון בני ברק אין די נידריגע פערציגער יארן, האט זיך אויפגעוועקט יענעם אינדערפרי מיט שווערע רוקן ווייטאג, האט דאס גאנץ ווייניג געמיינט פאר אים, נאך אלעם איז א העכסט נארמאלע זאך אז א איד אין די יארן זאל אמאל שפירן דעם שדרה... אבער ווען דאס האט נאכגעפאלגט מיט א רייע אנדערע סימפטאמען האט אים עס שוין עטוואס אלארמירט און ער איז זיך געגאנגען אונטערזוכן ביי זיין לאקאלער דאקטאר.

דער דאקטאר האט גענומען פון אים עטליכע טעסטס און פארשפראכן איבערצוגעבן די רעזולטאטן ווי נאר ער האט עס, אבער ווען א פולע וואך איז אריבער האט דער דאקטאר נישט געהאט קיין נייעס צו דערציילן, ער האט נישט געקענט דעשיפרירן וואס אזאנס דאס קען באדייטן. אויסער שיקן צו א גרעסערע דאקטאר האט ער נישט געקענט צולייגן גארנישט.

אזוי האט ר' משה זיך גאנץ שנעל געטראפן קלעטערן פון דאקטאר צו דאקטאר, ווען ביי די ענדע שפרייטן אלע אויס די הענט צו די צוויי זייטן, אנצייגנדיג אז זיי געפונען נישט גארנישט. ביז א גרויסע רפואה עסקן אין ארץ ישראל, האט אים געראטן ארויסצוקומען קיין אמעריקע ווי די ארטיגע דאקטוירים וועלן אים אונטערזוכן און געוויס קענען געבן א בעסערע אפשאצונג.

אומר ועושה, מיט א תפילה צום באשעפער האט ר' משה געמאכט דעם לאנגן וועג פון ארץ ישראל ארויס קיין אמעריקע, ווי ער האט אויף די ראט פון דעם עסקן געלאנדעט אין לאס אנזשעלעס, באקומענדיג אן אפוינטמענט ביי גאר א גרויסן ספעציאליסט, וואס צייכנט זיך אויס אין דעם געביט פון וועלכע ער האט אזוי נישט געוואלט טראכטן אז דאס קען עס זיין...

מיט א צאפלדיגע הארץ און א שטילע תפילה, איז ר' משה אנגעקומען צו די גרויסע שפיטאל געביידע אין וועלכע דער אפיס פון דעם וועלט בארימטן דאקטאר איז פלאצירט, און אויסגעווארט אויף זיין רייע אריינצוגיין.

נאכ'ן נעמען בלוט און אויספרעגן איבער זיין מעדיצינישע היסטאריע, האט דער דאקטאר גענומען א רייע סקענס און טעסטס אויף פארשידענע וועגן, ביז ענדליך האט ער אים באפרייט מיט א פארשפרעכונג אז ביז א וואך וועט ער האבן די רעזולטאטן, אינצווישן קען ער אהיים פארן.

א שווערע וואך איז פאריבער אויף ר' משה, זיין הארץ האט אים נישט אנגעזאגט קיין גוטס, ווען דערצו זענען די יסורים נישט לייכטער געווארן. האפנדיג אויפן בעסטן האט ער אויסגעווארט אז דער וואך זאל אריבערגיין און דער 'אין שמחה כהתרת הספיקות' זאל איבערנעמען זיין ארט.

קומענדיגן זונטאג נאכט איז דאס געווען, ר משה האט זיך שוין געפונען אין זיין היים אין בני ברק ווען דער טעלעפאון האט זיך צוקלינגען און אויפ'ן קאלער איי. די. ערשיינט א נומער פון.... לאס אנדזשעלעס.

מיט א ציטערדיגע האנט האט ר' משה אויפגעהויבן דעם טעלעפאון ווען פון די אנדערע זייט הערט זיך די שטימע פונעם דאקטארס סעקרעטאר: "א גוטן מיר רופן פון דאקטאר פ. אפיס. אלזא די רעזולטאטן שטעלן זיך ארויס צו זיין פאזיטיוו אויף די ביטערע מחלה ל"ע. עס טוט אונז לייד צוזאגן" הערט זיך די מאנאטאנע שטימע פונעם סעקרעטאר, "אז דאס איז אויף גאר א געפארפולע שטאפל און פאדערט באלדיגע שריט. זע זיך צו פארבינדן מיט דיין לאקאלע שפיטאל ווי אמשנעלסטן און האב א גוטן טאג".

ווען אלע פיר ווענט פונעם צימער זאלן מיטאמאל ארויפפאלן אויף זיין קאפ וואלט דאס אים נישט אזוי שאקירט ווי דעם טעלעפאון רוף וואס ער האט נארוואס ערהאלטן. יא, ס'איז אמת אז געווי דאס

**”א גוטן מיר רופן פון דאקטאר פ. אפיס. אלזא די רעזולטאטן שטעלן זיך ארויס צו זיין פאזיטיוו אויף די ביטערע מחלה ל”ע. עס טוט אונז לייד צוזאגן” הערט זיך די מאנאטאנע שטימע פונעם סעקרעטאר...**

האט זיין שווערע פארגעפיל כסדר געהאמערט אז עס קומט, אבער ווי וואונדערליך האט דאס גארנישט פארמינערט פון דעם שאק וואס האט אים באטראפן ווען די שווארצע מציאות האט זיך עמטליך אנטפלעקט, ער איז געווען פשוט פאראליזירט.

נאכ'ן זיצן פארגליווערט לאנגע מינוטן אונטערן רושם פון די ביטערע בשורה, האט מיטאמאל געמומען קלינגען אין זיינע אויערן די ווערטער פונעם סעקרעטאר, אבער מיט אביסל אן אנדערע ניגון ווי ער האט דאס פריער געהערט:

”עס פאדערט זיך באלדיגע שריט”

עס פאדערט זיך טאקע באלדיגע שריט האט ר' משה צו זיך געטראכט. אבער איך מיין איך ווייס וועלכע שריט עס פאדערט זיך.

אלס א תלמיד מובהק פונעם פוסק הדור, גאון ישראל וקדושו הגר”ש וואזנער זצ”ל, איז אים מערערע מאל אויסגעקומען צו הערן מפי קדשו אליינס, ווי ער זאגט: ”די ביטערע מחלה קומט מיטן ציל אונז צו מעורר זיין איבער קדושת בית המדרש”. אדער ווי ער האט ביי אנדערע געלעגנהייט געזאגט זייער קלארע דיבורים ”אז מען וועט נישט רעדן ביים דאווענען וועט די ביטערע מחלה אוועקגענומען ווערן פון אונז און בטל ווערן אינגאנצען”. אלזא האט ר' משה רעאליזירט, איך ווייס שוין וואס איך האב צו טוען.

זייענדיג א צוהערער פון דעם בארימטן מגיד נפלא הרה”ג ר' שמעון שפיצער שליט”א, וואס געבט טעגליכע שיעורים אויף די טעלעפאון פאר צענדליגער טויזנטער אידן אלטוועלטליך, און עס ווערט דערנאך געדרוקט אין פארשידענע ברייט פארשפרייטע גליונות. איז אים בייגעפאלן א געדאנק. נאך האלטנדיג דעם טרייבל אין דער האנט האט ער אריינגעלייגט די נומער פון דעם משפיע'ס שטוב, און נאך עטליכע מינוט שתדלנות, האט ער געהאט דעם מגיד מפורסם אויף די אנדערע ליניע.

צום ערשטן מאל זינט ער האט ערהאלטן דעם בשורה לא טובה האט זיך ר' משה געעפנט דאס הארץ און מיט בכיות נוראות האט ער פארציילט פאר'ן מגיד דעם דיאגנאז וואס ער האט נארוואס ערהאלטן, און די שוואכע שאנסן וואס די דאקטוירים געבן אים ה”י.

דער מגיד הערט אים אויס, און ווען ר' משה פארענדיגט זיין הארץ רייסנדע שילדערונג, זאגט אים דער מגיד, ”ר' משה טייערער, איך וואונטש אייך פון טיפן הארץ א רפואה שלימה און א גענצליכע ערהוילונג. אבער איך גלייב אז נישט דערפאר האסטו מיר גערופן יעצט”... זאגט אים ר' משה, ”ריכטיג, אבער איך האב מקבל געווען פון מורי ורבי הגר”ש וואזנער, אן עצה צו געהיילט ווערן, דורך מעורר זיין אידן אינעם הארבן ענין פון קדושת בית המדרש, אלזא אין מיינע הענט ליגט נישט די מעגליכקייט דאס צו טוען אויף אזא פארנעם וואס איר, כבוד הרב, קענט באוויזן, בעט איך אייך מיט טרערן, אויב איר קענט מיר טוען דעם 'לעבן טוישנדע' פעולה, און פשוט מעורר זיין אידישע קינדער זיי זאלן נישט רעדן ביים דאווענען און זאלן יא נזהר זיין בקדושת בית המדרש”.

דער משפיע ר' שמעון שליט”א הערט אים אויס פארטראכט. פון איין זייט האט ער, זינט דעם טאג וואס ער האט גענומען דעם מייקראפאון אין די האנט, נאך קיינמאל נישט געגעבן קיין שיעורים לויט די אינטערעסע פון פריוואטע מענטשן מיט פערזענליכע אינטערעסן, און דאס איז ביי אים א פרינציפ. אבער פון די אנדערע זייט ווי קען ער שטיין גלייכגילטיג ווען א איד בעט זיך פאר זיין לעבן? נאך א ווײַלע טראכטן האט ער באשלאסן ”יא ר' משה, בעז”ה וועט די קומענדיגע עטליכע שיעורים פון מארגן אינדערפרי' אנגעפאנגען זיין מוקדש מעורר צו זיין אידן און ברענגען אויפמערקזאמקייט צו דעם ברענעדיגע נושא. און בעזר השם, ר' משה, וועט איר זוכה זיין צו א רפואה שלימה בקרוב ממש”.

נאך זיין געשפרעך מיט'ן מגיד, האט ר' משה געפילט פיל רואיגער, שפירנדיג אז א גרויס חלק פון זיין השתדלות האט ער שוין געטוען. אבער גלייכצייטיג האט ער געוואוסט אז בלויז פון מכבד זיין א צווייטן מיט מצוות ווערט מען נאכנישט געהאלפן... האט ער אויפ'ן פלאץ מקבל געווען אז פון יעצט, מעתה ועד עולם, פאר לאנגע געזונטע יארן וואס דער רבוש”ע וועט אים געבן, וועט ער שטיין אויף די וואך אז אידן זאלן נישט אדורכפאלן אין דעם גאר הארבן ענין פון מורא מקדש.

וכך הוה, ר' משה פון זיין זייט האט אויסער דעם וואס ער אליין האט אנגענומען פאר זיך אן א שיעור גדרים וסייגים בעניני מורא מקדש, האט ער כסדר מעורר געווען אנדערע אידן זיך בעטנדיג אז מען זאל רחמנות האבן אויף זיך אליין, און אויף אים משה בן יהודית, און נישט רעדן ביים דאווענען.

דער מגיד פון זיין זייט האט אין די קומענדיגע תקופה גאר שטארק ארומגערעדט איבער קדושת בית המדרש, אנהייבנדיג מיט די פשוט'ע הלכה וואס שטייט אין שולחן ערוך, ביז צו די שארפע מאמרים וואס ווערן געברענגט אין זוהר הקדוש, באגלייט מיט פילצאליגע סיפורי צדיקים און אפענע ישועות וואס מען זעט נאך ביז'ן היינטיגן טאג, די התעוררות איז געווען געוואלדיג גרויס.

פון דאן איז פארבייגעלאפן עטליכע חדשים, ווען איין טאג האט דער מגיד, איידערן אנהייבן זיין טעגליכע שיעור, זיך אנגערופן אז ער וויל עפעס מקדים זיין:

”ווי עס גדענקען אלע האבן מיר מיט עטליכע חדשים צוריק שטארק ארומגערעדט עטליכע טעג אין א צי' איבער דעם נושא פון קדושת בית המדרש. די סיבה דערונטער וועל איך אייך יעצט מגלה זיין איז געווען צוליב א 'סכנת נפשות' פאל, ווען א איד איז ל”ע דיאגנאזירט געווארן מיט די ביטערע מחלה ה”י, און ער האט מיר פערזענליך געבעטן אז איך זאל אים ארויסהעלפן אין זיין מיסיע פון מעורר זיין אידן איבער מורא מקדש לזכות אריכת ימיו ושנותיו.”

”נעכטן,” זאגט דער משפיע מיט התרגשות, ”האט מיר דער איד נאכאמאל גערופן, און מיט א טרערן שטיקנדע קול האט ער מיר באדאנקט, דערציילנדיג אז ער האט נארוואס ארויסשפאצירט פון שפיטאל, ווען נאך די ערשטע רונדע טריעטמענטס וועלכע ער האט גענומען אויף גאר א מילדע פארנעם, זענען די רעזולטאטן צוריקגעקומען: הונדערט פראצענט ריין! קיין זכר איז נישט געבליבן פון די שעדליכע מחלה.”

”דערפאר,” האט דער מגיד אויסגעפירט, ”אלס שבח והודאה צום רופא כל בשר ומפליא לעשות, וועל איך ווידעראמאל אפרעכטן אזא סעריע פון שיעורים אויף דעם ענין פון לרומם את בית אלוקינו, נאכ'ן זען פון דערנאנט די אומשאצבארע און געוואלדיגע כח וואס 'מורא מקדש' פארמאגט אויבן אין הימל.”


צו באקומען דעם גליון פאר אייער ביהמ”ד שיקט אריין אייער אינפארמאציע צו:
yisroel@delsangroup.com

אלע מעשיות זענען אמת'ע און באשטעטיגטע געשיכטעס וואס האבן ווירקליך פאסירט. איר קענט אויך איבערגעבן מעשיות וואס האבן ביי אייך פאסירט, אדער וואס איר האט געהערט פון א גוטן, פארלעסליכן מקור און מיר וועלן דאס בע”ה מפרסם זיין.

איבערצוגעבן פארן גליון מאמרים והערות, ביטע רופט:
514.967.2434

אויב איר ווילן נעמען א טייל אין די גרויסע זכי' צו מפרסם זיין אונזער גליון, ערלויבן מיר דאס נאכדרוקן און פאר־שפרייטן אין ארגינעלן פארמאט לזכות את הרבים. ולמצוה גדולה יחשב!